ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# קב הישר

## עקב

אידיש

**846**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק פ"ט-צ'

## עקב

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

די ספעציעלע שמירה וואָס מ'דאַרף האָבן ביי מצה, און דער סוד פון איסור חמץ במשהו. - די הכנות צום יום טוב פסח. - דער ענין פון "מים שלנו". -פאַרוואָס מען באַהאַלט צען שטיקלעך חמץ פאַר בדיקת חמץ. - מען זאָל גוט בודק חמץ זיין, און וואָס מען זאָל מכוון זיין ביי בדיקת חמץ.

דער האַרבער איסור פון עסן חמץ נאָכן זמן. - מיט די טירחות אויף דעם יום טוב פסח, הרג'עט מען די מזיקים וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן פון פגם הברית רח"ל. - די וויכטיקייט זיך מטהר צו זיין לכבוד יום טוב. -פאַרוואָס מען לייגט שטיקלעך פון די הושענא אויפין פייער ביים פאַרברענען דעם חמץ. - די תיקונים פון די סדר-נאַכט, און די גרויסקייט פון סיפור יציאת מצרים. - מען זאָל זאָגן פאַמעלעך און מיט כוונה די הגדה, און דער שכר דערפאַר.

# אוצר של יראת שמים

**ב. כי אם את ה' אלוקיכם תיראו והוא יציל אתכם מיד כל אויביכם (מלכים ב' יז, לט) - העצה היחידה איך להציל את עם ישראל מהפחד הגדול - במצב הנורא שלנו מהמלחמות של כל העולם כולו נגד עם ישראל**

**הגאולה תלוי-ה בנשים צדקניות כמ"ש (סוטה יא:), בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים. וכמו שהיתה גאולה ראשונה גם כן תהיה גאולה אחרונה (קב הישר פ' פ"ב) וכמ"ש אשה יראת ה' היא תתהלל (משלי לא, ל).**

**העצה היא:** ללמוד ולומר ולהכניס בלבו כל יום פסוקי ועניני יראת שמים, שמצווה לירא את ה' הנכבד והנורא היא אחת מתרי"ג מצוות והיא מצווה תדירית, שבכל עת רגע שיזכור לירא את ה' מקיים מצוה דאורייתא, (פלא יועץ), ועיקר המצווה הוא לפחד מן העונש, שעי"ז יסור מן הרעה. ועי"ז שאנחנו נכניס בלבנו אהבתו ויראתו יתברך שמו, כמו שאנחנו מתפללים בכל יום, ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך, עי"ז הקב"ה יתנהג אתנו ג"כ במידה כנגד מידה שלא נצטרך לפחד משום אחד בעולם רק מפני הקב"ה ית"ש. כמו שאמר שלמה המלך החכם (משלי טז ז), "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו" (חובת הלבבות פ"ד). וראה מ"ש באורחות חיים להרא"ש, "לבטוח בה' בכל לבבך ולהאמין בהשגחתו הפרטית, ובזה תקיים בלבבך היחוד השלם בהאמין בו כי עיניו משוטטות בכל הארץ, ועיניו על כל דרכי איש, ובוחן לב וחוקר כליות – חה יסוד כל התורה כולה. ובזכות זה נזכה בקרוב ממש ל"שיבנה בית המקדש במהרה בימינו, ותן חלקינו בתורתך, **ושם נעבדך ביראה** כימי עולם וכשנים קדמוניות"

**דעו אפילו אם יש לך תורה ומעשים טובים, אם אין לך יראת שמים לא שוה כלום ליום הדין. אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא, (שבת לא:). יא).**

1. את אלוקים אני ירא (בראשית מב, יח).
2. ועתה ישראל מה ה' אלוקך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלוקך (דברים י', יב, קב הישר פרק צ').
3. ליראה את ה' אלוקינו כל הימים לחיותינו כהיום הזה (דברים ו' כד).
4. את ה' אלוקך תירה אותו תעבוד וכו תדבק (דברים י' כ).
5. מי יתן והיה לבבם זה ליראה אותי כל הימים (דברים ה' כו).
6. יראת ה' היא אוצרו (ישעי' לג, ו, ברכות לג:).
7. ראשית חכמה יראת ה' (תהלים קיא, י').
8. סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי (קיט, קכ).
9. סוף דבר הכל נשמע את האלוקים ירא ואת מצוותיו שמור כי זה כל האדם (קהלת יב, יג).
10. אמר רבא בשעה שמכניסין האדם לדין אומרים לו נשאת ונתת באמונה, קבעת עיתים לתורה, עסקת בפרי' ורבי', ..צפית לישועה..אפילו הכי אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא, (שבת לא:).
11. אמר רבי יהודה לא ברא הקב"ה את עולמו אלא בשביל שהבריות יראו מלפניו (שבת לא:).
12. אין לו להקב"ה בעולמו אלא יראת שמים בלבד (שבת לא:).

**נא לפרסם הידיעה הזאת בכל העולם כולו, בבתי בתי מדרשים,**
**בישיבות ובבתי ספר לחינוך לבנות ובכל בית ובית.**
**וכל המזכה את הרבים זוכה לבנים צדיקים, וניצל מכל גזירות קשות.**

# אינהאלט

## פון פרקים פ״ט - צ׳

א. אין פרק פ״ט ווערט ערקלערט: ווי אזוי מען זאל אפהיטן די מצוה פון מצות ....... ה

ב. די מצה מאַכט אונטערטעניג די סטרא אחרא און די מקטריגים ....... ה

ג. השם יתברך קוקט אויף אַלע מעשים פון די אידן זיין געליבטע עדה ....... ו

ד. וואָס ער קויפט לכבוד יום טוב זאָל נישט זיין פון גזל געלט ....... ו

ה. דאָס וואַסער וואָס איז אויפגעדעקט איז אסור מצד הנחש און די סטרא אחרא ....... ז

ו. ער זאָל נישט רעדן מיט קיין שום מענטש נאָר אויף לשון הקודש ....... ז

ז. דאָס לאַנד וועט גערייניגט ווערן מיט די צעהן אויבערשטע קדושות במהרה בימינו אמן ....... ח

ח. אין פרק צ׳ ווערט ערקלערט: הנהגות ווי אַזוי זיך צו פירן אין די ערב פסח טעג ....... ט

ט. מען זאָל נישט טראַכטן וועגן די הנאה פונעם גוף ....... ט

י. דער וואָס איז זיך מטריח לכבוד יום טוב פסח און ווערט אויסגעמוטשעט הרג'עט ער דערמיט אַלע מזיקים ........ י
יא. ערב יו"ט זאָל מען זיך טובלן לכבוד יו"ט ........ י
יב. עס איז אַ מצוה זיך אָפּוואַשן דעם גוף מיט וואַרעם וואַסער ........ י
יג. עס איז אַ גוטן מנהג צו פאַרברענען די הושענות מיטן חמץ ........ יא
יד. די נאַכט פון פסח איז אַן ענין זיך צו פרייען ........ יב
טו. עס איז אַ מצות עשה מן התורה צו געדענקן די ניסים וואָס הקב"ה האָט געטאָן ........ יב
טז. ווען מען האַלט ביי וְהִיא שֶׁעָמְדָה זאָל מען אויף הייבן דעם כוס ........ יג
יז. משה רבינו האָט גע'הרג'עט דעם מצרי מיט איין שם ........ יג

❖ ❖ ❖

# פרק פ״ט

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: ווי אזוי מען זאל אפהיטן די מצוה פון מצות

**א. ״וּשְׁמַרְתֶּם אֶת הַמַּצּוֹת״,** עס שטייט אין פסוק (שמות יב, יז) ״וּשְׁמַרְתֶּם אֶת הַמַּצּוֹת״ און איר זאָלט היטן די מצוות. דאָ דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט די תורה געזאָגט ביי די מצוה אַ לשון פון היטן, וואָס דאָס פאָדערט זיך ביי אַ זאַך וואָס מען דאַרף עס היטן פון גזלנים אדער גנבים?

**נאָר** דו זאָלסט וויסן, השם יתברך האָט אַרויס געצויגען זיין פאָלק ישראל פון מצרים מיט וואונדערליכע נסים, האָט ער צו ערשט אַראָפּ געוואָרפן זייער שר מיט אַלע מקטריגים, כדי די מקטרגים זאָלן נישט קענען מקטרג זיין. און די מקטרגים שטייען נאָך אויף אונז מיט זייערע קטרוגים, אָבער אַז עס קומט דער הייליגער יום טוב פסח דערוועקן זיי זיך אויף אונז מקטרג צו זיין, און ווילן גורם זיין בייז.

## די מצה מאַכט אונטער טעניג די סטרא אחרא און די מקטריגים

**ב. אבל הקב״ה,** דערפאַר האָט השם יתברך אונז געבאָטן מיט איין אזהרה, מיר זאָלן עסן מצות, און די מצה מאַכט אונטער טעניג די סטרא אחרא און די מקטריגים, זיי זאָלן נישט קענען אויף אונז מקטרג זיין. דערפאַר דאַרף דאָס טייג פון די מצה האָבן גרויס זהירות פון חמץ, כדי די חיצונים זאָלן אין דעם נישט האָבן קיין שום באַהעפטונג חס ושלום. און ווי עס שטייט אין דער תורה דאָס וואָרט ״חָמֵץ״ איז דאָס מרמז אויף דער סטרא אחרא. און וואו עס שטייט דאָס וואָרט ״מַחְמֶצֶת״ איז דאָס מרמז אויף די נוקבא בישא פון דער סטרא אחרא, דאָס איז די ״לילי״ת״ הרשעה. דערפאַר מוז האָבן די מצה גרויס היטונג. אַזוי ווי דער מענטש דאַרף זיך היטן פון גזלנים

וואָס קומען אים צו הרג'נען און צו נעמען זיין פאַרמעגן. אַזוי דאַרף ער היטן די מצות פון חמץ, דאָס איז די שטאַרקע קליפה, און חלילה די קליפה זאָל האָבן איין באַהעפטונג אין דעם אויבערשטענ'ס קדושה אפילו ווי איין האָר גרויס. דערפאַר איז אין פסח דער איסור חמץ במשהו.

## השם יתברך קוקט אויף אַלע מעשים פון די אידן זיין געליבטע עדה

**ג. ונכון ללמוד,** עס איז וויכטיג צו לערנען צו מענער און פרויען וואָס כשר'ן און גליען די כלים פון חמץ זיי זאָלן זיך מכוון זיין בשעת מעשה, אַז אַזוי אויך זאָל השם יתברך אויסרוימען דעם יצר הרע און די קליפת לילי״ת פון דער וועלט, און מיר זענען בטוח אין השם יתברך אַז ער וועט זיי אויסרוימען פון דער וועלט, און דער מנהג פון די אידן איז ״תורה היא״, אויסצוקראַצען די טישן און די בענק און די ווענט, ווייל טאָמער איז דאָרט דאָ חמץ, און השם יתברך קוקט אויף אַלע מעשים פון די אידן זיין געליבטע עדה, וואָס גאָר זייער טירחא איז מבער צו זיין דעם חמץ, און אַזוי אויך זאָל השם יתברך אויסקראַצען אַלע נגעים וואָס קומען פון דער סטרא אחרא און פון די מקטריגים.

## וואָס ער קויפט לכבוד יום טוב זאָל עס נישט זיין פון גזל געלט

**ד. וכל מה שיקנה,** און אַלעס וואָס ער קויפט פאַר פסח, זאָל ער זאָגען מיט זיין מויל דאָס קויף איך לכבוד יום טוב, און ער דאַרף נזהר זיין אין דעם געלט וואָס ער קויפט לכבוד יום טוב עס זאָל נישט זיין קיין געלט פון גזל. אַז עס קומט די צייט צו גיין אָנשעפן מצה וואַסער, כאָטש אפילו ער איז אַ רב אָדער אַ פרנס אָדער אַ גרויסער עושר, זאָל ער נישט מקפיד זיין אויף זיין כבוד, און זאָל גיין אַליין אָן שעפן דאס מצה וואַסער. און איך האָב אויך געזען ביי פילע

גדולי ישראל אַז ווען זיי האָבן אָנגעשעפּט דאָס מצה וואַסער, האָבן זיי גענומען אַ קליינע כלי, און אַלעמאָל ווען זיי האָבן אַריינגעגאָסן פון דער קליינער כלי אין דער גרויסער כלי אַריין, האָבן זיי געציילט א׳ ב׳ ג׳ ד׳ ה׳ ו׳ ביז זיי האָבן אויסגעציילט אַלע צוויי און צוואָנציג אותיות פון דער תורה, כדי אַרויפצוציען אויפן וואַסער די קדושה פון די אותיות התורה.

## דאָס וואַסער וואָס איז אויפגעדעקט איז אסור מצד הנחש און די סטרא אחרא

**און** אויב ער איז אַן אַלטער אָדער קראַנקער מאַן, זאָל ער וואַרטן ביי זיין טיר און ווען ער זעט אַז מען טראָגט די מצה וואַסער זאָל ער זיי אַנטקעגן לויפן, און זאָל זי נעמען און טראָגען צו זיך אַהיים, און אַזוי האָבן זיך נוהג געווען פיל גאונים, און זענען נזהר געווען צו שטעלן דאָס וואַסער אין אַ ריין אָרט. עס איז זייער גוט אַז קיין אשה נדה זאָל נישט אָנרירן אין דעם וואַסער, און דאָס וואַסער זאָל זיין צוגעדעקט מיט אַ ריינע טישטוך, ווייל דאָס וואַסער וואָס איז אויפגעדעקט איז אסור מצד הנחש און די סטרא אחרא.

## זאָל ער נישט רעדן מיט קיין שום מענטש נאָר אויף לשון הקודש

**ה. וכשהוא הולך,** ווען ער גייט אָנשעפּן מצה וואַסער און אויך ווען ער גייט צוריק מיט דער מצה וואַסער, זאָל ער נישט רעדן מיט קיין שום מענטש נאָר אויף לשון הקודש, און איידער ער שעפּט אָן די וואַסער זאָל ער פריער וואַשן די הענט, איך האָב בקבלה אַז בשעת בדיקת חמץ זאָל מען לייגען צען שטיקלעך ברויט אין צען ערטער, דאס איז קעגן די צען מכות וואָס השם יתברך האָט געברענגט אויף די מצריים.

## דאָס לאַנד וועט גערייניגט ווערן מיט די צעהן אויבערשטע קדושות במהרה בימינו אמן

**ו. וכנגד זה,** און קעגן דעם וועט השם יתברך הייליגען ארץ-ישראל מיט צען קדושות, און ער מוז בודק חמץ זיין מיט גרויס עיון, און אַזוי ווי ער זוכט און קראַצט אויס דעם חמץ פון די לעכער און שפּאַלטן דורך די וואַקסענע ליכט וואָס ער האָט, אַזוי אויך וועט השם יתברך אויסרוימען די זוהמא פון די סטרא אחרא, וואָס זי וועט זיך באַהאַלטן פאַר די ליכטיגקייט פון די שכינה, און דעמאָלט וועט בטל ווערן, און אויסגערוימט ווערן די סטרא אחרא פון די וועלט, און דאָס לאַנד וועט גערייניגט ווערן מיט די צעהן אויבערשטע קדושות במהרה בימינו אמן.

❖ ❖ ❖

# פרק צ׳

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: הנהגות ווי אַזוי זיך צו פירן אין די ערב פסח טעג

**א. בערב,** אום ערב פסח דאַרף יעדע מענטש אויף שטיין פרי כדי ער זאָל ח״ו נישט נכשל ווערן אין עסן חמץ נאָך פיר שעה אינדערפרי פון דער צייט וואָס דער מאָרגן שטערן גייט אויף. בעונותינו הרבים זענען פיל מענטשן מקיל דערין און עסן ערב פסח חמץ נאָך פיר שעה אויף דעם טאָג. ווי צו די וואָס זענען עובר אויף די רייד פון חכמים במזיד, זיי זענען ח״ו אינעם כלל פון ״פּוֹרֵץ גֶּדֶר יִשְּׁכֶנּוּ נָחָשׁ״ און ברענגען אויף זיך אַליין דעם עונש. עס איז בקבלה פון מיין רבי׳ן אַז דער וואָס איז נישט אָפּגעהיטן דערין ווערט מיט אים עפּעס שלעכטס פּאַסירן דעם קומענדיגן יאָר. מכל שכן אויב ער זעט אַז ס׳האָט אים גאָרנישט פּאַסירט דאַרף ער זיך נאָך מער זאָרגן ווייל מען זאַמעלט צונויף אויף אים שווערע עונשים ל״ע. דעריבער דער וואָס פאָרכט זיך פון השי״ת זאָל נזהר זיין נישט צו צוקומען צום איסור.

## מען זאָל נישט טראַכטן וועגן די הנאה פונעם גוף

**ב. וראיתי,** איך האָב געזען פיל מענטשן וואָס זענען להוט נאָך זייער האַלדז און דערפיהלן זייער בויך מיט פיהל עסנוואַרג און טרינקן ביר ביז זיי ווערן שיכור. און ווען מען דאַרף צוהעלפן באַקן מצות קומען זיי שיכורעהייט, און זייער דיעה איז נישט מיושב צו געבן זייער האַרץ אויף דעם הייליקייט פון די מצות. אין חוץ פון דעם ווערן זיי געשטרויכלט אַז זיי פאַרקויפן נישט רעכט זייער חמץ. און דאָס זענען די תוצאות פונעם שיכורן. נישט אַזוי דאַרף זיין דער מנהג פון ערליכע אידן אַלע זייערע מעשים דאַרפן זיין מיט גערעכטיקייט, קלוגשאַפט און מיט שכל, הייליקייט און פאָרכט צו

ריינִיגן זייערע נשמות. מען זאָל נישט טראַכטן וועגן די הנאה פונעם גוף, ובפרט אין דעם עסק פון מצות וואָס דערין איז דא אַן איסור כרת.

## דער וואָס איז זיך מטריח לכבוד יום טוב פסח און ווערט אויסגעמוטשעט הרג׳עט ער דערמיט אַלע מזיקים

**ג. ויש,** און איך האָב בקבלה אַז אַלע טירחות וואָס דער מענטש איז זיך מטריח לכבוד יום טוב פסח און ווערט אויסגעמוטשעט הרג׳עט ער דערמיט אַלע מזיקים וואָס ווערן גערופן נגעי בני אדם. ער איז אויך מתקן דעם תיקון פון קרי, און יעדער ווייסט אין זיין האַרץ דעם ביטערקייט פון דעם עבירה וואָס כמעט קיינער איז נישט ניצול פון איר. דעריבער זאָל יעדער איד זען דאָס מתקן צו זיין ווי ווייט מעגליך און השי״ת מיט זיינע גרויסע חסדים זאָל מקבל זיין די גוטע מחשבות פונעם פאָלק ישראל און אונז אינגיכן אויסלייזן.

## ערב יו״ט זאָל מען זיך טובלן לכבוד יו״ט

**ד. וחייב,** יעדער מענטש דאַרף זיך מטהר זיין אום יום טוב, דאָס מיינט נישט אום יו״ט ממש נאָר ער דאַרף זיך מטהר זיין איידער יו״ט גייט אַריין כדי ער זאָל מקבל זיים דעם יו״ט מיט קדושה און טהרה. ערב יו״ט זאָל ער זיך זען צו טובלן לכבוד יו״ט, אויב ער איז נישט ביים פולסטן געזונט זאָל ער זיך נישט מסכן נפש זיין אין דעם מצוה, ווייל השי״ת וויל נישט אַז מענטשן זאָל קומען לידי סכנה אבער ער קען זיך מטהר זיין ער זאָל אויף זיך גיסן ניין קבין וואַסער אָדער ער זאָל אָפּוואַשן זיין גוף פון דעם גאַרטל ביז אַראָפּ און דאָס וועט אויך אָנגענומען ווערן ברצון פאַר ג-ט ברוך הוא, דערנאָך זאָל דער מענטש זעהן צו לערנען הלכות פסח.

## עס איז אַ מצוה זיך אָפּוואַשן דעם גוף מיט וואַרעם וואַסער

**ה. והרב,** דער של״ה הקדוש שרייבט: איידער מען טובלט זיך לכבוד יו״ט איז אַ מצוה זיך אָפּוואַשן דעם גוף מיט

וואַרעם וואַסער און עס איז כדי אַזוי צו טאָן יעדן ערב יו״ט ובפרט ערב פסח ווי דער ענין ווערט אַרומגערעדט אין זוהר. אינעם פערצענטן טאָג ווען מען פאַרברענט דעם חמץ זאָל ער מכוין אַז דעמאָלטס ווערט ער אַ בן חורין און גייט אַרויס פונעם שעבוד יצר הרע וואָס דאָס איז דער שטן. און מיטן פאַרברענען חמץ איז מען מרומז אַז דער יצר הרע זאָל אויס געררימט ווערן פון דער וועלט. מיר אידן זענען הייליג אין השי״ת רוהט צווישן אונז, און אַלע קליפות און רשעות זאָל בטל ווערן פונעם וועלט. דעריבער פאַרברענט מען דעם חמץ אינעם פערצענטן טאָג אין ניסן ווייל דעמאָלטס איז די לבנה במלואה און זי שיינט אויף גאַנץ העל און די קליפות האָבן נישט קיין שליטה אויף די קינדער צו דערוועקן אויף זיי דעם דין זיי מזיק צו זיין מיט חולי נכפה בר מינן, דעריבער זאָל דער מענטש דאָס מכוין זיין בשעת שריפת חמץ וואָס דאָס ווערט געטאָן מיט כח און אַזוי שטאַרקט ער זיך אויף די קליפות.

### עס איז אַ גוטן מנהג צו פאַרברענען די הושענות מיטן חמץ

**ו. ולכן,** דעריבער איז אַ גוטן מנהג צו פאַרברענען די הושענות מיטן חמץ דערין איז דא אַ באַהאַלטענער סוד. דער פשוטער טעם איז ווי די פוסקים שרייבן אויף פיל ערטער ווייל עס איז שוין געטאָן געוואָרן אַ מצוה מיט איר זאָל מען דערמיט טאָן נאָך אַ מצוה. דעם כלל דערפון איז אַז דאָס פאַרברענען חמץ ווייזט אויף חרות פון דער ס״א, איז אַ גרויסע חיוב ער זאָל זיך וואַשן מיט וואַרעם וואַסער. אַזוי ווי די געפאַנגענע וואָס קומען אַרויס פון תפיסה וואַשן זיך מיט וואַרעם וואַסער, דערנאָך זאָל ער עוסק זיין אין באַקן מצוות. כדי ער זאָל אַריינברענגען אין זיך דער אויבישטער קדושה און זאָל מיט חדוה באַקן די מצות ביי די סדרים פוןביידע נעכט פסח און דאָס וועט זיין אַ יחוד צו קוב״ה ושכינתה.

## די נאַכט פון פסח איז אַן ענין זיך צו פרייען

**ז. ואיתא בזוהר,** אַזוי שטייט אין זוהר פרשת ויקרא: דאָס צוגרייטן צום טיש און די היסב בעט פסח ביינאַכט דאַרף די עיקר כונה זיין לכבוד הקב״ה און זיין שכינה, דעריבער זאָל בעטן די היסב בעט נאָר אַ ישראלית וואָס איז טהור פון דער טומאה פון נדה און מכל שכן אַז עס איז נאָך בעשר איז אַ בתולה וואָס האָט גאָר נישט געזעהן קיין נידות זאָל בעטן די היסב בעט. אויך שטייט אַז די נאַכט פון פסח דאַרף מען זיך פרייען ווייל דעמאָלטס איז אַ גרויס פרייד אין הימל און אויף דער וועלט און מען זאָל זאָגן שירות ותשבחות מיט שמחה און פרייד און נישט ווייזן קיין שום צאָרנדיג האַרץ און אַזוי אויך איז דער זוהר מזהיר אין פיל ערטער אַז עס איז אַ חיוב אויף דער מענטש צו דערציילן וועגן יציאת מצרים די נאַכט. בשעת׳ן דערציילן זאָגט השי״ת צו זיין פמליא גייטס הערטס די דערציילונג און שבח וואָס זיי פרייען זיך צוליבן אויסלייזונג פון מצרים און זיי לויבן הקב״ה פאַר די אַלע ניסים און גבורות, ווי די פמליא דערהערן דאָס לויבן זיי אים אויף דעם פאָלק ישראל וואָס איז אויף דער ערד און פרייען זיך אַז זייער האַר האָט זיי אויסגעלייזט. דעמאָלטס ווערט געמערט די כח און שטאַרקייט אויפן הימל און אַלע עולמות פאָרכטן זיך פאַר קוב״ה. פון דא זעט מען די גרויסקייט פון דעם ערציילונג פון יציאת מצרים.

## עס איז אַ מצות עשה מן התורה צו געדענקן די ניסים וואָס הקב״ה האָט געטאָן

**ח. ע״כ,** דעריבער זאָל ער זעהן צו זאָגן די הגדה מיט ישוב הדעת, נישט איילענדיג און עס זאָל נישט זיין ביי אים ח״ו ווי אַן עול. עס איז אַ מצות עשה מן התורה צו געדענקן די ניסים וואָס הקב״ה האָט געטאָן מיט אונזערע עלטרן און אונז. ווען עס קומט צו גיין פסח איז ער מחיוב צו דערציילן די חסדים פון גאָט ב״ה ביידע סדר נעכט,

ובזכות זה וועט הקב״ה פאַרשפרייטן זיינע פליגל אויף אונז מציל צו זיין פון סכנות דרכים און וועט טאָן ניסים ונפלאות. אָבער דער וואָס די הגדה דערציילן איז אַן עול און זאָגט זי מיט פוילקייט אָן שמחה און כונה פונעם האַרץ דער איז נישט זוכה צו ניסים ווען ער איז במקום סכנה.

## ווען מען האַלט ביי וְהִיא שֶׁעָמְדָה זאָל מען אויף הייבן דעם כוס

**ט. ודע,** דער אריז״ל שרייבט: ווען מען האַלט ביי וְהִיא שֶׁעָמְדָה זאָל מען אויף הייבן דעם כוס ביז והקב״ה מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם, ווייל דאָס וואָרט וְהִיא גייט אַרויף אויפן שכינה הקדושה וואָס זי איז כביכול שטענדיג מיט אונז. בשעת משה רבינו האָט גע׳הרג׳עט דעם מצרי איז דעמאָלטס געווען דער אָנהייב פון מפלת מצרים, און פון דעמאָלטס אָן איז דער שר פון מצרים שלאַף געוואָרן.

## משה רבינו האָט גע׳הרג׳עט דעם מצרי מיט איין שם

**י. כי,** נאָך שרייבט דער אריז״ל: משה רבינו האָט גע׳הרג׳עט דעם מצרי מיט איין שם פון די צוויי און פערציג שמות און דאָס איז דער שם (יכ״ש) און ער קומט אַרויס פונעם פסוק מ״י שמ״ך לאי״ש. ווייל דער שם האָט משפיל געווען די מצריים. אויף דעם שם האָט דוד המלך ע״ה מרמז געווען שפטני י״י כצדקי וואָס די ראשי תיבות זענען דער שם (יכ״ש), און ווייל עס איז אויף אונז אַ חיוב די נאַכט פון פסח צו דערציילן וועגן יציאת מצרים דעריבער איז דער שם מרומז אין די אָנהייב ווערטער פון ליל שמורים וואָס זי איז די זעלבע צאָל וויפיל דער שם (יכ״ש) באַטרעפט, דעריבער ווערט די נאַכט גערופון ליל שמורים ווייל זי ווערט געהיטן פון מזיקים און מיר לייענען נישט קיין קריאת שמע די נאַכט צו ווייזן אַז מיר גלייבן אין גאָט ב״ה אַז ער וועט אונז היטן פון מזיקים ווייל דער שם (יכ״ש) איז מכניע אַלע רשעות

דעריבער מערן מיר צו דערציילן סיפור יציאת מצרים. דער וואָס מערט טאַקע צו דערציילן איז געלויבט.

❖ ❖ ❖